

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' בהר
תשפ"ב לפ"ק
גליון ר"ב

## פראגע

**ווען רבי שמעון בר יוחאי און זיין זון זענען ארויסגעקומען פון די מערה, האבן זיי געוואלט פארברענען אלעס וואס מענטשן האבן געטון אנשטאט לערנען. וואס דארפן מיר זיך לערנען פון די מעשה?**

## ענטפער:

**לאמיר** אייך עפעס מסביר זיין. רבי שמעון בר יוחאי און זיין זון רבי אלעזר זענען געווען 12 יאר אין די מערה, אין א הייל. וואס האבן זיי געטון די 12 יאר? איר פארשטייט אז זיי האבן געטון זאכן וואס אנדערע מענטשן טוען נישט געווענליך. זיי זענען געווען פולקאם אריינגעטון אין די ארבעט פון **דביקות** אינעם אויבערשטן. אפילו ווען זיי האבן געלערנט הלכות - בבא קמא אדער זבחים, סיי-וואס זיי האבן געלערנט – האבן זיי עס געטון מיט א פייערדיגע התלהבות פאר'ן אויבערשטן. עס איז געווען די העכסטע מדריגה פון תורה לשמה אז זיי זענען געווען איינגאנצן דבוק אין השי"ת.

און זיי האבן עס געטון אין די גרעסטע ארימקייט. וואס קען מען שוין דען הנאה האבן פונעם לעבן ווען מען איז באהאלטן אין א הייל? זיי פלעגן אויסטון זייערע קליידער און זיך באדעקט מיט זאמד ביז צו זייער האלז, כדי זיי זאלן נישט זיין נאקעט ווען זיי לערנען תורה.

איר פארשטייט אז עס איז נישט באקוועם. עס קראצט. אלע סארט הויט-פראבלעמען קענען פאסירן. און וואס טוט זיך מיט'ן טרונקען וואסער? און וואס איז מיט עסן? זיי האבן שרעקליך געליטן. 12 יאר זענען זיי דורכגעגאנגען יעדע סארט יסורים, אבער זיי זענען גענצליך געווען איבערגעגעבן צו עבודת ה'. 12 יאר!

במילא ווען זיי זענען ארויסגעקומען זענען זיי נישט געווען קיין געווענליכע מענטשן; אין זייערע אויגן האט יעדער איינער פארפאטשקעט זייער לעבן. ווען זיי האבן געזען א מענטש אקערט אין זיין פעלד האבן זיי געזאגט, "ער איז משוגע! ער בטל'ט זיין לעבן אקערנדיג זיין פעלד!" ביז ענדליך האט זיי דער אויבערשטער אנגעשריגן "להחריב את עולמי באתם?!" – איר זענט ארויסגעקומען צו חרוב מאכן מיין וועלט? "גייט צוריק אין הייל!" און זיי זענען צוריקגעגאנגען אויף נאך א יאר.

די מעשה ווייזט די גרויסקייט פון גרויסע מענטשן. גרויסע מענטשן קוקן אן אנדערע מענטשן ווי זיי זענען נישט נארמאל. און דער אמת איז אז אין א געוויסע זין איז עס טאקע אזוי... אבער דאך וויל דער אויבערשטער אז מענטשן זאלן זיין נישט נארמאל. ער וויל מענטשן זאלן לעבן אין געוויסע וועגן. אויב דו ווילסט זיין **אויסערגעווענליך** קענסטו עס טון, אבער נישט יעדער איז געמאכט פאר דעם. "הרבה עשו כרבי שמעון" (ברכות לה ב) – אסאך מענטשן האבן געטון אזוי ווי רבי שמעון; אבער זייער אסאך מענטשן קענען עס נישט טון.

די וועלט איז געמאכט בעיקר פאר **דורכשניטליכע** מענטשן. דורכשניטליכע מענטשן דארפן טון זאכן אזוי ווי יעדער איינער טוט. אבער אויב ווילט איר נאכמאכן רבי שמעון בר יוחאי כאטש אמאל אמאל און זיך איבערצוגעבן פאר'ן אויבערשטן, צו גיין העכער ווי סתם מענטשן טוען, דאן איז דאס א קאריערע פון גדלות וואס שטייט גרייט פאר יעדן איינעם.

געוויסע מענטשן זענען געווארן אזוי גרויס, ווי למשל דער בעל שם טוב וואס האט געלעבט אפגעזונדערט פאר א לאנגע צייט אין די וואלד. אדער רבי יוסף יוזל נאהווארדוקער (דער אלטער פון נאווארדוק). ער האט געהאט א בודקע אין די וועלדער וואו ער פלעגט גיין. קיינער האט נישט געוואוסט די פלאץ וואו ער איז און ער האט פארברענגט זיין צייט אין דעם בודקע טראכטנדיג וועגן השי"ת. יא, עס זענען געווען גרויסע לייט וואס האבן עס געטון.

מיר רעקאמענדירן עס נישט היינט צו טאגס פאר קיינעם, אבער נאך אלץ זענען דא אסאך זאכן וואס מ'קען יא טון; ווי דער חובת הלבבות זאגט **"התבודדות בתוך ההמונים"** – אז מען קען מאכן התבודדות זייענדיג צווישן אסאך מענטשן.

שטעלט אייך פאר איר גייט צו א חתונה. איר דארפט גיין צו די חתונה, וואס קענט איר טון? יעדער איינער רעדט, פלאפעלט און לאכט, און איר שטייט דארט שמייכלנדיג צו יעדן, אבער איר טראכט אייערע אייגענע מחשבות. איר טראכט מחשבות וועגן דעם אויבערשטן. דאס איז **"והצנע לכת עם אלקיך"** (מיכה ו, ח) – איר שפאצירט באשיידענערהייט מיט השי"ת. איר ווייזט פאר די מענטשן אז איר זענט צוזאמען מיט זיי – איר זאגט "מזל טוב, מזל טוב." אבער ווי נאר ער גייט אוועק פארגעסט וועגן אים און טראכט ווייטער פון הקב"ה. דאס איז "הצנע לכת עם אלקיך."

און איר באקומט מער שכר פאר דעם, ווייל קיינער גייט נישט וויסן. ווען מען קומט ארויס פון די וועלדער, זאגן מענטשן "אהה! דער צדיק איז געווען אין וואלד פאר 5 וואכן! איי איי איי! אזא צדיק!" אבער ווען מען קומט צוריק פון א חתונה ווייסט קיינער נישט אז איר זענט געווען אין די וועלדער פאר פינף אדער צען מינוט אויפאמאל. איר וועט נישט באקומען קיין כבוד פאר דעם. נאר דער אויבערשטער וועט אייך איין טאג געבן גרויס כבוד דערפאר. (E-33#)

## פראגע

### מעג א איד זיך בויען א גרויסע, שיינע הויז, וואס קען אויפוועקן קנאה פון די גוים?

**ענטפער:**

**די** גוים וועלן דיר סיי־ווי מקנא זיין. א איד האט א רעכט הנאה צו האבן פונעם לעבן.

יעצט, מיינט דאס אז מ'דארף האבן א טייערע הויז? דאס איז א צווייטע שאלה. אסאך געלט וואס גייט אריין אין הייזער עס שיין צו מאכן, וואלט געקענט גיין צו אנדערע גוטע פלעצער. אבער דער פאקט אז ער לייגט אריין געלט אין א פרומע, אידישע הויז, עס האט א מזוזה אויפ'ן טיר, דאס אליינס גיבט אים די רעכט צו לעבן גליקליך אויף דער וועלט.

עס איז נישט דא קיין סיבה פארוואס א איד זאל נישט זיין ערלויבט צו לעבן גליקליך אין דער וועלט. זארגט אייך נישט וועגן די גוים, ווייל נישט קיין חילוק ווי ארעם די הויז איז, וועלן זיי דיר נישט אנהייבן אנצוקוקן מיט א גוט אויג.

## פראגע

### אויב דער אויבערשטער ווייסט אלעס וואס גייט געשעהן, איז דאס נישט קיין סתירה צו בחירה?

**ענטפער:**

**די** קשיא איז שוין דא געפרעגט געווארן טויזנט מאל. דער רמב"ם אין **"הלכות תשובה"** ערקלערט דאס פאלגענדע: **"כי לא מחשבותי מחשבותיכם נאום ה'"** – מיינע מחשבות זענען נישט אזוי ווי ענקערע מחשבות. איך וויס זאכן, נישט אויף די זעלבע וועג וויאזוי איר ווייסט זאכן. נוצט נישט אייער פארשטאנד וויאזוי די וועלט לויפט און דערמיט פרובירט עס צוצושטעלן צו די וועג וויאזוי איך זה זאכן – זאגט דער אויבערשטער.

דו ווייסט זאכן דורך 'סיבה' און 'תוצאה'. דערפאר, אויב דו ווייסט אז עפעס גייט געשעהן, ווייסטו עס דורך געוויסע געזעצן פון דער נאטור, געוויסע געזעצן אין סיבה און תוצאה. אבער השי"ת ווייסט זאכן דורך אנדערע וועגן. ער איז נישט באגרעניצט צו די חוקי הטבע וואס ער האט באשאפן פאר דער וועלט. ער קען פאראויס קוקן אריין אינעם עתיד, ווייל ער איז העכער פון 'צייט'. השי"ת איז פיל העכער פון דיינע מחשבות. ער קען זען דעם עתיד, נישט וויבאלד עס 'דארף' געשעהן, נאר וויבאלד ער ווייסט וואס עס 'גייט' געשעהן. בחירה חפשית איז בכלל נישט קיין סתירה צו ידיעת השם.

וויאזוי ווייסט ער וואס עס גייט געשעהן? דער ענטפער איז **"כי לא מחשבותי מחשבותיכם"** – איך וויס זאכן אויף אנדערע וועגן פון וואס דו ווייסט זאכן. פרוביר נישט צו פארשטיין מיינע וועגן דורך די וועג וויאזוי דיין מחשבה ארבעט. און דערפאר, די וועג וויאזוי השי"ת ווייסט זאכן איז נישט פאר אונז צו ערקלערן. **"כי גבהו שמים מארץ כן גבהו דרכי מדרכיכם, ומחשבותי ממחשבותיכם"**. עס איז בכלל נישט קיין סתירה.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס**

אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך מועדים $3

ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**